NEW YORK STATE | Medicaid



## וואס איר זאלט וויסן וועגן:

# לעבן מיט כראנישע נירן קראנקהייט, נירן וואס ארבעט נישט, און טראנספלאנטעישן

## פארשטיין כראנישע נירן קראנקהייט (CKD), נירן וואס ארבעט נישט, און טראנספלאנטעישן

### האט איר געוואוסט...?

- CKD אפעקטירט 15 פראצענט פון די US באפעלקערונג. פילע ניו יארקער האב נירן קראנקהייט און ווייס אפילו נישט!
- די מערסט באקאנטע סיבות פאר נירן וואס ארבעטן נישט איז דייעביטיס, הויכע בלוט דרוק, און איבערוואג.
- אנדערע גורמים פאר נירן קראנקהייט קען אריינרעכענען אויטא-אימיון קראנקהייטן און גענעטישע צושטאנדן ווי פאליסיסטיק נירן קראנקהייט.
- שוימיגע יורין און פראטיען אין די יורין קענען זיין פריע סימנים פון נירן קראנקהייט.
- נירן געזונטהייט ווערט אונטערגעזוכט דורך בלוט און יורין טעסטס און, אמאל, אן אולטראסאונד.
- אייער בלוט קריאטינין איז אן אנדייטונג אויף די נירן פונקציעס. עס ווערט גענוצט אויסצורעכענען אייער גלאמערולאר פילטראציע ראטע (Glomerular filtration rate, GFR); א נארמאלע GFR איז בערך 100.
- עס זענען דא מעדעצינען וואס קענען פארשטאטערן די פארערגערונג פון נירן קראנקהייט.
- איר זאלט זוכן צו באקומען א באהאנדלונג פון א נירן ספעציאליסט (נעפראלאגיסט) פאר אייערע נירן הערן אויף צו ארבעטן.
- אויב אייערע נירן הערן אויף צו ארבעטן, איז די באהאנדלונג דיאליסיס אדער א נירן טראנספלאנט.
- איר קענט ווערן אונטערגעזוכט און ארויפגעלייגט אויף א פרי-עמפטיוו טראנספלאנטעישן ווארט ליסע פארן אנהייבן דיאליסיס.

## וויאזוי זיך צו האלטן שפירן גוט

### וואס קענט איר טון?

אויב איר אדער א פאמיליע מעמבער איז געווארן דיאגנאזירט מיט א נירן קראנקהייט, הויכע בלוט דרוק, און/אדער דייעביטיס, מאכט זיכער צו רעדן מיט אייער העלט קעיר פראוויידער, סקעדשועלן רעגולערע באזוכן צו אונטערזוכן פארשריט, און טון די בעסטע צו קאנטראלירן די צושטאנדן.

באזוכט גלייך א נירן ספעציעליסט (נעפראלאגיסט) פאר א פאסיגע דיאגנאז און באהאנדלונג.

נעמט די פארגעשריבענע מעדעצינען יעדן טאג, ווי אנגעוויזן, און פרובירט צו אנהאלטן א טעגליכע איבונגען סקעדשועל.

אויב איר האט א נירן קראנקהייט, ווייסט אייער קריאטינין און GFR!

אויב אייער נירן פונקציעס זענען אונטער א GFR פון 20, אדער 20 פראצענט פון נארמאל, רעדט צו אייער דאקטער וועגן א רעפורל פאר א נירן  טראנספלאנט אפשאצונג.

אויב אייערע נירן הערן אויף צו ארבעטן, רעדט צו אייער פאמיליע און פריינט וועגן טרעפן א נדבן פאר א נירן טראנספלאנטעישן.

## זייט אייער אייגענער געזונטהייט אדוואקאט!

נוצט אייער Medicaid בענעפיטן אייך צו העלפן בלייבן געזונט.

### אויסצוגעפינען מער וועגן CKD, באזוכט:

- National Institute of Diabetes and Digestive and Kidney Diseases "Kidney Disease" וועב בלאט[1]
- National Kidney Foundation Inc. website[2]

### אויסצוגעפינען מער וועגן נירן טראנספלאנטעישן, באזוכט:

- U.S. Department of Health & Human Services "Organ Procurement and Transplantation Network" (באקומען א גליד און טראנספלאנטעישן נעטווארק) וועב בלאט[3]
- National Kidney Foundation Inc. "Transplantation" (טראנספלאנטעישן) וועב בלאט[4]

1: https://www.niddk.nih.gov/health-information/kidney-disease
2: https://www.kidney.org/
3: https://optn.transplant.hrsa.gov/learn//patient-education
4: https://www.kidney.org/atoz/atozTopic_Transplantation



***אויב איר האט פראגעס וועגן נוצן אייער בענעפיטן, רופט דער טעלעפאן נומער וואס שטייט אויף די פארקערטע זייט פון אייער Medicaid קארטל.***